UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
A Toyre On Yidn  / A Torah Without Jews

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/3pf6f5kp

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 91(1)

**Author**
Chaim Grade, Khayim Grade /

**Publication Date**
1978

**Copyright Information**
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

**חיים גראַדע / ניו־יאָרק**

# אַ תורה אָן יידן

(צו אַברהם גאָלאָמבס ניינציק־יאָריקן געבוירנטאָג)

דער זונפאַרגאַנג שפּילט און באַגילדט מײַנע פאָליצעס ספרים,
ווי ליכט־שיין אויף גרינעם געצווייג אין אַן אורוואַלד אַ טיפן.
מײַן חדר איז פול מיטן שאָרכן פון גראָזן אויף קברים,
און בראַנדזענע לײַכטער מיט חלב פון יענער־וועלט טריפן.
מײַן וועלט איז אַ תפילה בלחש פון ליידיקע קלויזן,
אַ שקיעת־החמה פון בלוט וואָס האָט אויפגעהערט זידן;
מײַן וועלט איז אַן אוצר פון ספרים, אַ הויז ווו ס'טוט הויזן
דער שבת־שבתון, די רו פון אַ תורה אָן יידן.

אין פוילן און ליטע שטייט מער ניט זײַן כסא הכבוד,
ער האָט פאַר די פיס ניט קיין אָנשפּאַר — קיין הילצערנע קלויזן.
זײַן טאַכטער, די תורה, וואָס ער האָט פון אייביק געכאַוועט,
געהאַלטן אין שויס און באַשאָפן די וועלט לויט איר אויסזען —
זײַן טאָכטער זינגט איצט מיט אַ פּוסטקייט אין האַרץ שיר־השירים,
אַ פּוסטקייט פון מערק נאָך צעפאַרענע גרויסע יאַרידן.
ניטאָ מער קיין דאַוונער וואָס שרײַען צום בורא: באַשירעם!!
ס'איז שבת־שבתון, די רו פון אַ תורה אָן יידן.

די שריפט פון דער תורה, געשריבן מיט בלוט־רויטן פײַער
אויף שניי־ווײַסן פײַער, וועט ברענען אין אייביקן דויער.
נאָר הינטער מײַן פענצטער צעוואַקסט זיך אַ נאַכוווקס אַ נײַער,
וואָס האָט ניט אין יידישע אויגן קיין יידישן טרויער.
די ווילנער דרוקן נאָך ספרים אין בלײַענע דרוקן,
איך קויף זיי, צעשטעל זיי, און בין מיט דער קניה צופרידן.
נאָר ווען עס גייט אונטער די זון אויף די גאָלדענע רוקנס,
גייט אויף די פאַרגליווערטע רו פון אַ תורה אָן יידן.

איך פרעג ניט און דאַרף מער ניט ענטפערן: ווער איז פאַר וועמען?
דער שבת פאַר מיר, אָדער איך פאַרן הייליקן שבת?
חתנים הייַנטצײַטיקע וועלן גאָטס טאָכטער ניט נעמען,
און קיינער באַגעגנט די כלה ניט מיט ברוך־הבאָס.
ווײַל זי האָט תרעומות געהאַט צו די לײַט פון געוועלבער,
האָט זי זיי פאַרזינדיקט, די שטעטלשע הענדלער און שמידן.
די וועלט איז די זעלבע און גאָט ברוך־הוא איז דער זעלבער,
די תורה איז אָבער געבליבן — אַ תורה אָן יידן.